# דער חילוק צווישן תפילין של יד און של ראש

בא | שלח | ואתחנן | עקב

תפילין / ציצית / מצות לימוד התורה / מצות ידיעת התורה / ברית מילה
פעולה ונפעל / עשיית מצוה קודם זמנה / שעבוד הלב / שעבוד המוח

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

**דער** רמב"ם הויבט אָן הלכות תפילין מיט דעם אַז ער וועט מבאר זיין די צוויי מצוות "להיות התפילין בראש ולקשרן על היד."

דאַרף מען פאַרשטיין: דער סדר ווי די צוויי מצוות שטייען אין פסוק[1] איז "וקשרתם לאות על ידך" - תפילין של יד, און דערנאָך "והיו לטטפות בין עיניך" - תפילין של ראש. און אַזוי איז אויך די הלכה, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין שולחן ערוך[2] אַז פריער טוט מען אָן תפילין של יד און דערנאָך תפילין של ראש.

איז ניט פאַרשטאַנדיק: פאַרוואָס שרייבט דער רמב"ם אין אַן פאַרקערטן סדר, פריער תפילין של ראש און נאָכדעם תפילין של יד?!

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן זאָגן[3] אַז באמת וואָלט מען געדאַרפט אָנטאָן תפילין של ראש פאַר תפילין של יד, ווייל עס איז דאָ אַ כלל[4] אַז "כל המקודש מחבירו קודם לחבירו." נאָר עס איז אַ גזירת הכתוב אַז פריער דאַרף מען לייגן תפילין של יד. און דאָס איז דער רמב"ם מרמז דורך מקדים זיין די מצוה פון של ראש.

אָבער עס איז שווער אַזוי צו לערנען, ווייל דער רמב"ם איז אויך מקדים די דינים פון הנחת און ברכת תפילין של ראש פאַר תפילין של יד, וואָס ביי די ענינים איז דער דין בפועל אַז מען איז מקדים תפילין של יד.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: דער רמב"ם האַלט אַז תפילין של יד און תפילין של ראש ווערן גערעכנט אַלס צוויי מצוות אין דער מנין פון תרי"ג מצוות. פרעגט אויף אים דער רמב"ן,[5] דער רמב"ם שרייבט אין די כללים פון מנין המצוות[6] אַז צוויי מצוות וואָס זיינען "ענין אחד" ווערן גערעכנט אַלס איין מצוה אין מנין תרי"ג. לדוגמא מצות ציצית, וואָס עס זיינען דאָ צוויי מצוות, די חוטי לבן און תכלת, וואָס זיי זיינען ניט

1. ואתחנן ו, ח
2. סימן כ"ה סעיף י"ב
3. חמדת ישראל קונטרס נר מצוה מי"ב-י"ג
4. זבחים פ"ט, א
5. השגות הרמב"ן על ספר המצוות שורש י"א
6. ספר המצוות שורש י"א בסופו

מעכב איינעם דעם צווייטן, און פונדעסטוועגן ווערן זיי גערעכנט אַלס איין מצוה ווייל זיי זיינען "ענין אחד."

אויב אַזוי איז שווער, פאַרוואָס רעכנט זיי דער רמב"ם אַלס צוויי באַזונדערע מצוות!?

נאָך אַ שאלה קען מען פרעגן, אין מסכת ביצה[7] איז פאַראַן אַ דין "היה בא בדרך ותפילין בראשו ושקעה עליו חמה מניח ידו עליהם עד שמגיע לביתו" (אויב איינער איז אָנגעטאָן אין תפילין און עס ווערט נאַכט - וואָס לילה לאו זמן תפילין היא - (און האָט מורא צו זיי אַראָפּנעמען ווייל זיי קענען אַרויספאַלן פון זיינע הענט)[8] דאַרף ער זיי צודעקן) - דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס שטייט גאָרניט וועגן דעם אַז מען דאַרף אויסטאָן אָדער צודעקן די תפילין של יד?

ב ויש לומר דער ביאור אין די אַלע שאלות, ובהקדים: בכלל זיינען דאָ צוויי סוגים אין מצוות, עס זיינען פאַראַן מצוות וואָס די מצוה איז די פעולה, און אַזעלכע מצוות וואָס די מצוה איז דער נפעל. ולדוגמא, אין לימוד התורה זיינען פאַראַן עטלעכע מצוות, ס'איז דאָ די מצוה פון "והגית בו יומם ולילה," אַ מצוה צו שטענדיק לערנען תורה. וואָס דאָ איז נוגע די פעולה, אַז ער לערנט תורה. און עס איז דאָ די מצוה פון "ידיעת התורה," צו וויסן תורה, וואָס דאָ איז די מצוה צו וויסן תורה, און בכדי מ'זאָל קענען וויסן דאַרף מען לערנען און חזר'ן, אָבער דאָ איז די מצוה דער וויסן און ניט דער לערנען אַליין.

איז דער ראָגאַטשאָווער מבאר,[9] אַז אין דעם זיינען תפילין של יד און של ראש אַנדערש: ביי של יד איז די מצוה די פעולה - צו אָנטאָן תפילין, און ביי של ראש איז די מצוה דער נפעל - אַז די תפילין זאָלן ליגן אויפן קאָפּ. און דאָס איז דער רמב"ם מדייק "להיות התפילין בראש ולקשרן על היד."

7. טו, א
8. תוס' שם ד"ה היה
9. צפנת פענח על הרמב"ם הלכות תפילין פרק ד' הלכה ד'

אַ דוגמא פון אַ מצוה וואָס האָטביידע ענינים, פעולה און נפעל: מצות מילה - זאָגט דער ראָגאַטשאָווער[10] האָט ביידע זאַכן, די פעולה - די מעשה המילה, און דער נפעל - אַז דער איד ווערט דורכדעם אַ מהול.

די נפקא מינה פון דעם איז: אויב איינער איז געבאָרן געוואָרן אַ מהול, איז ער אַ מהול אָבער עס פעלט פעולת המילה און דעריבער דאַרף זיין הטפת דם ברית.

אַ נפקא מינה אויף פאַרקערט: עס שטייט אַז אויב איינער טוט אַ פעולה צו אַוועקנעמען די פעולה פון מילה איז ער "מפר בריתו של אברהם אבינו." און דער טעם אויף דעם איז: כאָטש אַז ער האָט מקיים געווען די מצוה פון מאַכן אַ ברית מילה - די פעולה, איז אָבער זיין אַ מהול כל ימיו - דער נפעל - איז אַ חלק פון מצות מילה, און אויב ער מאַכט דאָס אויס, איז ער מפר דער ברית.

על פי זה ווערט פאַרענטפערט די קשיא פון דער רמב"ן, פאַרוואָס רעכנט זיי דער רמב"ם אַלס צוויי באַזונדערע מצוות, כאָטש אַז לכאורה זיינען זיי אַן "ענין אחד," ווייל לויט וואָס דער ראָגאַטשאָווער איז מבאר זיינען זיי צוויי אַנדערע סוגי מצוות!

ג לויט דעם קומט אויס, אַז דער קיום פון מצות תפילין של יד איז נאָר בשעת הקשירה, און דער קיום פון מצות תפילין של ראש איז בכל רגע ורגע וואָס ער איז אָנגעטאָן אין תפילין.

די נפקא מינה פון דעם איז: אויב מען האָט אָנגעטאָן תפילין קודם שהאיר היום - פאַר זמן תפילין - איז דער דין[11] אַז כשיאיר היום דאַרף ער ממשמש זיין די תפילין און דאַמאָלסט מאַכן די ברכה. אָבער לויט וואָס מען האָט פריער ערקלערט, איז דאָס נאָר ביי תפילין של יד, ווייל אָן דעם וואָס ער איז יעצט ממשמש ווערט עס ניט גערעכנט אַז ער איז מקיים די מצוה אין די ריכטיקע צייט. אָבער תפילין של ראש דאַרף ער יעצט ניט ממשמש זיין, ווייל דאָס וואָס די תפילין זיינען יעצט מונח, דאָס אַליין איז שוין קיום המצוה.

10. צפנת פענח על הרמב"ם ריש הלכות מילה
11. מנחות לו, א

וואָס על פי זה קען מען אויך מבאר זיין דאָס וואָס די גמרא אין ביצה זאָגט גאָרניט וועגן תפילין של יד: דער פּראָבלעם פון טראָגן תפילין ביינאַכט איז נאָר וויבאַלד אַז ער טוט די מצוה אין אַ ניט ריכטיקע זמן, אָבער וויבאַלד אַז צו זיין אָנגעטאָן אין תפילין של יד איז ניט קיום המצוה (און דער קשר האָט ער שוין פריער געטאָן) דאַרף מען גאָרניט באַוואָרענען, אָבער ביי תפילין של ראש איז יעדער רגע וואָס ער איז אָנגעטאָן אין די תפילין, איז ער מקיים די מצוה, במילא דאַרף ער באַוואָרענען צו זיי צודעקן משחשכה.

ד על פי כל זה קען מען מבאר זיין דאָס וואָס דער רמב"ם איז מקדים תפילין של ראש פאַר תפילין של יד: ווייל לויט דעם וואָס מען האָט מבאר געווען איז דער עיקר מצוה די מצוה פון תפילין של ראש, ווייל דאָס איז מען מקיים בכל רגע ורגע, מה שאין כן ביי תפילין של יד איז די מצוה נאָר ברגע אחד - ווען ער איז קושר די תפילין.

ובפרט וואָס הלכות תפילין זיינען אין ספר אהבה, וואָס דער תוכן פון דער ספר איז - ווי דער רמב"ם שרייבט - "המצוות שהן תדירות שנצטווינו בהם כדי לאהוב את המקום ולזכרו תמיד."

ה פון אָט דער חילוק צווישן תפילין של יד און תפילין של ראש קען מען אַרויסלערנען אַ הוראה אין עבודת ה': עס ווערט געבראַכט אַז תפילין של יד איז כנגד הלב און תש"ר איז כנגד המוח, וואָס דערפאַר לייגט מען תפילין על הראש "לשעבד הנשמה שהיא במוח" (צו אונטערטעניגן די נשמה וואָס געפינט זיך אין מוח,) און על הזרוע "לשעבד תאוות ומחשבות ליבנו לעבודתו יתברך" (צו אונטערטעניגן די תאוות און מחשבות פון האַרץ צו דינען דעם אויבערשטן.)

דער חילוק צווישן מוח און מדות איז: מדות זיינען ניט אין רשות פונעם מענטשן אַז ער זאָל זיי קענען איבערבייטן אַז זיי זאָלן אַלעמאָל זיין משועבד צו עניני קדושה. אָבער מוחין זיינען יע ברשות פון אַ אידן, אַז זיי זאָלן שטענדיק זיין אַריינגעטאָן אין קדושה.

און דאָס איז די הוראה: מדות דאַרף מען פאַרבינדן - קשירה - אין אַן אופן פון אתכפיא, אַז זיי זאָלן ניט זיין צו צד הקליפה.

ביי מוחין איז די עבודה, אַז זיי זאָלן זיין שטענדיק "מונח" - אַריינגעטאָן אין קדושה.

על פי לקוטי שיחות חלק לט פרשת ואתחנן שיחה ב׳

# קיצור לחזרה

1. ג' קושיות: א) מדוע כותב הרמב"ם בסדר הפוך של הפסוק?

2. ב) מדוע מונה אותם הרמב"ם לב' מצוות?

3. ג) מדוע אין הגמרא בביצה מזכיר שום דבר בנוגע לשל יד?

4. ביאור בהקדים ב' סוגי מצוות, פעולה ונפעל. דוגמא ממצוות לימוד תורה. עוד דוגמא ממילה. בתש"י - המצוה היא הפעולה, בתש"ר - המצוה היא הנפעל.

5. נפקא מינה: הניח תפילין קודם שהאיר היום. על פי זה ביאור בגמרא ביצה.

6. הרמב"ם מקדים תפילין של ראש כי הוא יותר תמידי לתפילין של יד.

7. הוראה בעבודת ה', החילוק איך שצריך להיות העבודה במדות - אתכפיא. ומוחין - אתהפכא.